


# ID.ME קלעימענט אנווייזונגען

## וואס איז ID.ME?

ID.me איז אן אנליין באשטעטיגונג געצייג פאר מענטשן וואס ווילן אויפווייזן זייער אידענטיטעט און דאס ווערט גענוצט דורך די רעגירונג און ביזנעסער אין 31 שטאטן, עטליכע פעדעראלע אגענטורן, און איבער 500 שטארק באקאנטע פירמעס. NYSDOL איז פאראנטווארטליך צו פארזיכערן אונזער קאסטומער'ס אידענטיטעטן און צו פארמיידן שווינדלערייען. ID.me ערלויבט אונז דאס צו טאן.

*איר וועט מעגליך געבעטן ווערן צו באשטעטיגן אייער אידענטיטעט דורך ID.me נאר אויב 1) איר ווילט זיך איינגעבן פאר אנעמפלוימענט בענעפיטן אדער 2) איר ווילט אפ'דעיטן אייער באנק אינפארמאציע מיט אונז.

## ווען וועל איך דארפן נוצן ID.ME?

אויב מיר זאגן אייך אז איר מוזט פארענדיגן די ID באשטעטיגונג, וועט איר מוזן פארענדיגן די ID.me פראצעדור בעפאר אייער קלאגע קען באשטעטיגט ווערן און פראצעסירן און ארויסגעגעבן אייער צאלונגען.

### אנליין קלאגעס

נאכן אריינגעבן אן אנליין קלאגע וועט איר מעגליך באקומען אן אנליין מעסעדזש וואס וועט אייך בעטן צו פארענדיגן אין עכטע צייט די ID.meבאשטעטיגונג. איר מוזט דאס פארענדיגן בשעת איר זענט אריינגע'לאג'ט אין אייער NY.Govאקאונט, ממילא, לאג'ט נישט ארויס פון אייער NY.Gov אקאונט.

### IVR (טעלעפאן) קלאגעס

נאכן אריינגעבן א קלאגע דורכ'ן טעלעפאן מיטן נוצן די IVR סיסטעם, וועט איר מעגליך באקומען א בריוו אייך צו לאזן וויסן אז איר זאלט פארענדיגן די ID.me באשטעטיגונג. די בריוו וועט אנטהאלטן א וועבזייטל און אנווייזונגען ווי אזוי צו פארענדיגן די ID.me באשטעטיגונג פראצעדור.

## באשטעטיגן מיט ID.ME

### זעלבסט סערוויס

זעלבסט-סערוויס איז די מערסט באנוצטע באשטעטיגונג מעטאד איר וועט באקומען אנווייזונגען דורכאויס די פראצעדור נוצנדיג אייער סמארטפאון אדער קאמפיוטער. צו באשטעטיגן, וועט איר דארפן: א מאביל טעלעפאן וואס האט א קאמערא אדער א קאמפיוטער מיט א וועבקעם, אימעיל אדרעס, סאושעל סעקיוריטי נומער, צוויי רעגירונגס-ארויסגעגעבענע אידענטיטעט דאקומענטן (דרייווער'ס לייסענס, פאספארט, פאספארט קארד, אדער סטעיט ID).

### פערזענליך

מיט די פערזענליכע באשטעטיגונג, קענט איר פארענדיגן אייער דאקומענט און סעלפי אפלאוד שטאפלען פון אייער באשטעטיגונג ביי געוויסע ריטעיל לאקאציעס. צו באשטעטיגן אייער אידענטיטעט פערזענליכערהייט, וועט איר דארפן: אן ID.me אקאונט, אימעיל אדרעס, סאושעל סעקיוריטי נומער, צוויי אידענטיטעט דאקומענטן.

## וויאַזוי צו נוצן ID.ME

איר וועט דארפן ספעציפישע אינפארמאציע און דאקומענטן צו באשטעטיגן אייער אידענטיטעט ביים נוצן די זעלבסט-סערוויס אדער פערזענליכע אפציע. מיר וואלטן אייך פארגעשלאגן צו צוזאמנעמען אלע נויטבאדערפטיגע דאקומענטן בעפאר איר הייבט אן אייער באשטעטיגונג פראצעדור.

**שריט 1:** לאג'ט אריין אין אייער ID.me אקאונט אויב איר האט שוין איינס ווען מען בעט אייך, אדער קליקט אויף "מאכט אויף אן ID.me אקאונט" לינק אויף די בלאט צו אויפמאכן איינס.

**שריט 2:** סעט אויף א מולטי-פאקטאר באשטעטיגונג (Multi-Factor Authentication, MFA).

**שריט 3:** וועלט אויס א באשטעטיגטע דאקומענט צו אריינגעבן.

**שריט 4:** אפלאוד'ט אייער בילד.

**שריט 5:** לייגט אריין אייער סאושעל סעקיוריטי נומער.

פאר מער אינפארמאציע איבער באשטעטיגן אייער אידענטיטעט מיט ID.me, **קוקט דעם ווידיאו** און באזוכט **ID.me הילף**.

**איר קענט זען די ID.me וועב בלאט אויף**
**dol.ny.gov/idme-process**

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם.
בייהילפיגע מיטלען און סערוויסעס זענען דא צו באקומען לויט'ן פארלאנג און פריי פון אפצאל פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען
TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.

P960 (09/23)